# עולת שבת בשבתו

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת — פרשת תולדות — כיתה ח' ט' תשס"ט לפ"ק


## מילי דחסידא

**ורב יעבוד צעיר:** פירוש מי שהוא רוצה להיות גדול בתורה ומעשים טובים, יתחיל ללמוד ולעבוד את השי"ת בילדותו, בעודו צעיר בשנים (מאמר מרדכי).

## דרש דרש

**אם יעקב ועשו:** פירש"י איני יודע מה מלמדינו.

עס שטייט א שיינער פשט אין ספר **צנצנת המן** אז עס האט דעמאלטס געהייסן אין די גאס אז רבקה האט צוויי זון און לבן האט צוויי טעכטער, וועט גיין די גרויסע טאכטער לאה פארן גרויסן זון עשו, און די יונגערע טאכטער רחל פארן יונגערן זון יעקב. אזוי זאגט אויך די גמרא (ב"ב דף קכ"ג ע"א) ורש"י ויצא (כ"ט י"ז).

מילא איז געווען א פראבלעם אויב וועט יעקב קומען צו לבן און ווען חתונה האבן מיט רחל, וועט לבן זאגן אז ער דארף קודםווארטן ביז עשו וועט קומען און חתונה האבן מיט לאה, און נאכדעם וועט ער קענען נעמען רחל. האט דאך יעקב מורא געהאט אז אויב ער וועט דארט ווארטן אויף עשו, קען איהם עשו דארט הרג'ענען.

וועגן דעם האט רבקה אנגעזאגט פאר יעקב אז ער זאל זאגן פאר לבן אז רבקה איז 'אם יעקב ועשו', ד.ה. אז ער זאל פארשטיין אז יעקב איז עלטער, אזוי וועט ער נישט הייסן ווארטן אויף עשו, און ער וועט ניצול ווערן.

*

**ואת עורות גדיי העזים:** די גמרא (חולין דף ק"ד ע"ב) לערנט ארויס אז איבעראל וואו עס שטייט אין די תורה דאס ווארט גדי, מיינט דאס נישט דוקא א ציגעלע, נאר אפי' א קו און א שאף אויך. און מ'לערנט דאס ארויס פון דעם פסוק **ואת עורות גדיי העזים**, וויבאלד דער פסוק זאגט דא ביידע **גדיי העזים**, איז געדרונגען אז וואו עס שטייט סתם גדי מיינט נישט דוקא א ציג, נאר אויך א קו און א שאף. קומט אויס אז דער איסור פון בשר בחלב וואס מ'לערנט ארויס פונעם פסוק **לא תבשל גדי בחלב אמו**, מיינט אויך אלע בהמות זענען אסור צו עסן מיט מילך.

לכאורה דארף מען פארשטיין וואס פארא שייכות האט די ציגעלע פון רבקה, צום איסור פון בשר בחלב?

## מעשׂה רב

### אלה תולדות יצחק בן אברהם

אין די תקופה פון די ערשטע וועלט מלחמה - בשנת תרע"ה - ווען עס איז געבוירן געווארן כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זללה"ה, איז דער ברית אפגעהאלטן געווארן אין ראצפערט וואו עס האט געוואוינט דער זיידע הגה"ק רבי שלום אליעזר'ל זי"ע מראצפערט. און דארט איז אויך געווען דער בארימטער מנהיג ישראל הגה"ק רבי ישכר דוב זי"ע דער בעלזער רב, וועלכער איז נתכבד געווארן מיט סנדקאות, און ער איז יענעם טאג געווען זייער בשמחה, ער האט באפוילן פאר זיינע חסידים זאלן קומען מיט בגדי שבת לכבוד דעם ברית.

ביי די סעודת ברית האט זיך אויפגעשטעלט דער טאטע דער הייליגער עצי חיים זי"ע און ער האט נאכגעזאגט א דבר תורה וואס זיין זיידע דער ייטב לב זי"ע האט געזאגט ביי זיין שלום זכר, אויפן פסוק "ויקרא בהם שמי ושם אבותי" אז דער סדר פון די וועלט איז אז אויב איינער האט א חשוב'ן טאטן איז דאס דער כבוד פונעם קינד אז ער זאל זיך מתייחס זיין נאכן טאטן, אויב אבער דאס קינד וואקסט אויס זייער גרויס, דאן ווערט דאס דער כבוד פונעם טאטן זיך צו בארימען מיטן זון און זאגן אז ער איז דער טאטע פון דעם חשוב'ן קינד.

דאס האט יעקב געזאגט "ויקרא בהם שמי" מיין נאמען זאל זיין חשוב דורך זיי, אז מ'וועט מיך רימען אז איך האב אזעלכע אייניקלעך. האט דער ייט"ל געזאגט "איך בין מתפלל צום אייבערשטן אז דאס קינד זאל אויסשטייגן אזוי הויך אז ס'זאל מיר זיין א כבוד אז איך בין זיין זיידע".

האט דער עצי חיים אויסגעפירט דאס איז דער פשט וואס שטייט דא אין פסוק "ואלה תולדות יצחק בן אברהם, אברהם הוליד את יצחק" יצחק אבינו האט זוכה געווען צו ביידע בחינות סיי מיט דעם וואס ער האט געקענט שטאלצירן מיט זיין טאטן אברהם אבינו, און די זעלבע **אברהם הוליד את יצחק**, האט אברהם אבינו שטאלצירט אז ער איז דער טאטע פון דעם צדיק יצחק אבינו".

האט דער עצי חיים אויסגעפירט "אזוי בין איך אויך מתפלל אז מיין זוהן זאל אויסוואקסן א גדול בישראל, איך זאל זיך קענען בארימען מיט מיין זון דעם רך הנימול אז איך בין זיין פאטער".

## מילי דרמיזא

### עקב אשר שמע אברהם בקולי:

דער רבינו בחיי זאגט אז פון דא לערנען מיר ארויס, אז ביי די 3 יאר האט אברהם אבינו אנגעהויבן צו אנערקענען אינעם אייבירשטן. ווייל אברהם אבינו האט געלעבט 175 יאר, און ער האט געדינט השי"ת נאר 172 יאר, אזויפיל ווי דאס ווארט עק"ב באטרעפט, אזוי ווי דער פסוק זאגט עק"ב, 172 יאר, שמע אברהם בקולי האט אברהם אבינו צוגעהערט צום קול פון השי"ת און איינגעהאלטן אלע מצוות התורה. קומט אויס אז ביי די 3 יאר האט ער אנגעהויבן צו דינען השי"ת.

ענטפערט דער **אוסטראווצער גאון זצ"ל** בדרך חידוד, ווייל רש"י זאגט אז די 2 ציגעלעך איז געווען פאר קרבן פסח און חגיגה. לכאורה אין יענע צייט ווען אר"י האט נאכנישט באלאנגט פאר די אבות האט מען נישט געהאט קיין קרקע אין אר"י, און ווער ס'האט נישט קיין קרקע איז פטור פון קרבן פסח? (עי' תוס' פסחים דף ג' ע"ב ד"ה מאליה). מוז איך זאגן אז אברהם אבינו האט קונה געווען דאס לאנד מיט קנין חזקה, ווייל דער אייבערשטער האט אים געזאגט **קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה**, ממילא האבן שוין די אבות יא געהאט קרקע אין אר"י.

אויב אזוי ווערט אבער שווער פארוואס זענען אידן ארויס פון מצרים פאר די צייט. ווייל בפשטות ווייסן מיר אז מ'רעכענט די 400 יאר פון לידת יצחק, ווייל פון דעמאלטס אן זענען שוין די אבות געווען גרים **בארץ לא להם**, אבער אויב זאג איך **אר"י מוחזקת לאבותינו**, און עס האט שוין באלאנגט פאר די אבות, ווערט שווער פארוואס מ'איז ארויס פון מצרים פאר די צייט?

מוז איך זאגן א אנדערע תירוץ אז אידן זענען ארויס פון מצרים פאר די צייט, ווייל דער רבש"ע און די מלאכים זענען אויך געווען אין מצרים, ווי ס'שטייט אין פסוק אנכי ארד עמך מצרים, און זיי האבן צוגעהאלפן צו ענדיגן אין 210 יאר די ארבעט פון 400 יאר.

אבער אזוי ווערט ווידער שווער פארוואס האבן די מלאכים נישט באקומען די תורה? ווייל די גמ' זאגט אז ווען די מלאכים האבן געבעטן די תורה, האט משה רבינו זיי געפרעגט "ווי אזוי ווילט עטס די תורה, וואו ס'שטייט אשר הוצאתיך מארץ מצרים, עטס זענט דאך נישט געווען אין מצרים, אבער לויט דעם תירוץ זענען דאך די מלאכים יא געווען אין מצרים, פארוואס האבן זיי נישט באקומען די תורה? מוז איך ענטפערן א צווייטע תירוץ פארוואס די מלאכים האבן נישט באקומען די תורה, ווייל זיי האבן געגעסן בשר בחלב ביי אברהם אבינו אין שטוב.

איי, די מלאכים האבן דאך געגעסן א בן בקר, און ביי בשר בחלב שטייט נאר גדי, איז דאס דאך נישט אסור, מוז איך זאגן אז בשר בקר איז אויך אסור, ווייל איך לערן ארויס פון **ואת עורות גדיי העזים אפילו פרה ורחל במשמע**.

דאס זאגט די גמ', ווייל רבקה האט געזאגט גדיי העזים, אז מ'דארף א קרבן פסח, מוז דאך זיין אז **אר"י מוחזקת מאבותינו**, מוז איך זאגן אז אידן זענען ארויס פון מצרים פאר די צייט ווייל השי"ת מיט די מלאכים האבן אויך געארבעט אין מצרים. איי, פארוואס האבן די מלאכים נישט באקומען די תורה? ווייל זיי האבן געגעסן בשר בחלב, און בן בקר איז אויך אסור, און דאס לערן איך טאקע ארויס פון רבקה וואס האט געזאגט **גדיי העזים**.

## יגעת ומצאת!

**דער סדר פון "יגעת ומצאת" פון די וואך, וועט בע"ה זיין אויף עטליכע פון די בארימטע תלמידי בעש"ט הק' זי"ע וואס זייער יארצייט געפאלט אויס אין די טעג,**

ווער איז געווען? וואו האט געוואוינט? וועמענס זון/תלמיד איז ער געווען? בעמח"ס? אב"ד דק"ק?

נפטר ביום ובשנת?

**הרה"ק רבי צבי הירש מרימאנוב זי"ע – הרה"ק רבי ברוך ממעזיביזש זי"ע – הרה"ק רבי דוב בער ממעזריטש זי"ע – הרה"ק רבי חיים מטשערנאוויץ זי"ע**

*

ראשי תיבות

**ווי אזוי מאכט דאסווארט** (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ד')....

**דהמע"ה, דו"ד, דושה"ט, ד"ת, דקיי"ל, דשלב"ל, דומ"ץ, דו"ד (ב'), דרז"ל**

## מילי דשמעתתא!

בשיעור השבוע במסכת קידושין פרק האיש מקדש

*

**רש"י** אין די וואכעדיגע סדרה זאגט אז די גדיי העזים וואס יעקב האט געברענגט פאר יצחק, אז ער זאל אים בענטשן איז געווען א **קרבן פסח**.

עס שטייט ווייטער אין פסוק **ויגש לו ויאכל** וואס דאס מיינט אז דייקא יצחק האט געגעסן פון דעם קרבן.

איז דא אין **ייטב פנים** (לשבה"ג אות כ"ה) **א שיינער** שמועס, ווי ער איז מסביר אז לכאורה איז שווער פון דאס וואס מיר האבן געלערנט אין די גמרא **אין שוחטין את הפסח על היחיד**, ווי אזוי האט יעקב געשחט'ן דעם קרבן פסח לכתחילה פאר יצחק, מיר פסק'ענען דאך אין שוחטין את הפסח על היחיד!

זאגט דער **ייטב פנים** אז דאס וואס מיר זאגן **אין שוחטין את הפסח על היחיד** איז נאר לכתחילה, אבער עס איז נישט מעכב, ממילא האט יעקב געמעגט שחט'ן דעם קרבן פאר יצחק.

* * *

איבער דעם טעם פארוואס **אין שוחטין את הפסח על היחיד**, זאגט דער **עצי חיים** (לשבה"ג אות י"א) דעם טעם, לויט דעם וואס דער **ייטב לב** זי"ע טייטשט **"לחם הפנים"**, אז א איד דארף שטענדיג דינען דעם אייבערשטן אפילו ביים עסן, וואס דאס איז א שווערע עבודה. אבער אין ביהמ"ק איז דאך געווען השראת השכינה דאס האט גרינגער געמאכט אז מ'זאל קענען עסן בקדושה. ווענן דעם הייסט די ברויט "לחם הפנים", ווייל דאס ברויט האט געהאט צוויי פנימ'ער, סיי בגשמיות ווייל ס'איז דאך געווען ברויט, און סיי ברוחניות ווייל מ'האט דאס געגעסן בקדושה.

אין מס' נזיר זאגט די גמ' אז דער פסוק "ופושעים יכשלו בם" גייט ארויף אויף איינעם וואס האט געגעסן דעם קרבן פסח לשם אכילה גסה און נישט לשם מצוה, ממילא דארף מען עסן מיט 10 מענטשן אינאיינעם, און כל בי' עשרה שכינתא שרי', וואו עס זענען דא צען מענטשן איז דא השראת השכינה, דעריבער העלפט דאס ארויס אז מ'זאל דאס קענען עסן בקדושה לשם שמים, ווענן דעם איז "אין שוחטין את הפסח על היחיד".

**כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצ"ל** זאגט א טעם, ווייל אין מדרש שטייט אז משה רבינו האט געזאגט פאר אידן **משכו ידיכם** מע"ז, ווי אזוי? דורך **ויקחו לכם צאן ושחטו הפסח**, ווייל מיטן שחט'ן דעם קרבן פסח האבן זיי תשובה געטון אויף די עבירות. דער ישמח משה זאגט אז ווען א ציבור טוט אינאיינעם תשובה, איז דאס תשובה מאהבה וואס דאס איז די ריכטיגע תשובה.

ווענן דעם זאגט די גמ' אין שוחטין את הפסח על היחיד, כדי עס זאל ווערן גערעכנט ווי תשובה מאהבה.